STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02068

# DER MENSH UN ZAYN NESHOME

Dr Ingerman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

17.

דר. אינגערמאן.

# דער מענש און זיין נשמה.

ארויסגעגעבען פון

ל. פרידמאן.

81 בערוויק סטריט, אקספארד סטריט, וועסט.

לאנדאן,

1908.

# דער מענש און זיין נשמה.

דער גאַנצער אָרגאַניזם פֿון דעם מענשען האַלט זיך אויף אַ ראַמע (פֿריים), וועלכע בעשטייט פֿון פֿיעלע קליינע און גרויסע ביינער, און וועלכע הייסט ס ק ע ל ע ט. דיזע ביינער זיינען צוזאַמענגעבונדען מיט אַזעלכע שטאַרקע בענדער, וועלכע שטערען זיי ניט זיך צו בעוועגען איינער אָן דעם אַנדערען. ווען מיר הויבען אויף די האַנד, בעוועגען מיר אַרויף צו דעם ביין פֿון האַנט אָן דעם ביין פֿון אייבערסטען טייל פֿון קערפּער. ווען מיר גייען, בעוועגען מיר די ביינער פֿון די פֿיס אָן די ביינער פֿון דעם אונטערשטען טייל פֿון קערפּער, און ז. וו. ווי אַזוי אָבער, פֿון וואָס בעוועגען זיך די ביינער? מיר וועלען דאָס באַלד זעהן. פּרופֿט אָננעהמען די פֿלייש, וואָס געפֿינט זיך אויף די אויבערשטע העלפֿט פֿון די האַנט, און דיזע פֿלייש צונויפֿקנייפּען, צונויפֿקאָרצען; פּרופֿט דאָס אַזוי טאָן און דאָך האַלטען די האַנט אויסגעצויגען. עס וועט אָבער זיין אַן עבירה אייער אַרבייט: איהר וועט די האַנט דערביי גלייך ניט קענען האַלטען. די אונטערשטע העלפֿט וועט זיך געגען אייער ווילען

צו־ציהען צו די אייבערשטע, — צו די פּלייצע. די אורזאַכע דערפֿון איז, דאָס די שטיק פֿלייש, אָדער דער מוסקול, וועלכען איהר האָט דאָ צונויפֿגעקאָרצעט, און צוגיפֿעסטיגט מיט איין ברעג צו די אויבערשטע טייל פֿון האַנט און מיט דעם אַנדערען ברעג צו די אונטערשטע. ווען איהר קנייפּט דיזען מוסקול צונויף, ווען איהר ציהט איהם צונויף, גיט ער דעריבער די אונטערשטע טהייל פֿון האַנט אַ שלעפּ. (עפֿענט אויך דעם קלינגעל פֿון אַ מעסעריל; דאַן בינט אַ בענדעל מיט איין ברעג צו צום קלינגעל און מיט דעם אַנדערען ברעג צום שטילכעל; דאַן קאָרצעט דעם בענדעל צונויף, וועט זיך דער קלינגעל צו־ציהען צום שטילכעל צו, פּונקט דאָס זעלבע איז מיט דעם מוסקול און מיט דעם ביין.) דאָס זעלבע איז אויך מיט אַלע פֿערשידענע בעוועגונגען פֿון די ביינער פֿון סקעלעט — אַלע קומען זיי אַרויס פֿון דעם צוזאַמענציהען־זיך אָדער צונויפֿקאָרצען־זיך פון די מוסקולען, אָדער שטיקער פֿלייש, וועלכע בעדעקען דעם סקעלעט און בינדען צונויף יעדע געוויסע פּאָר ביינער.

יעצט איז אָבער די פֿראַגע: פֿון וואַנען נעהמט זיך דאָס, אַז דער מוסקול קאָרצעט זיך צונויף? איך גיי, צום ביישפּיל איבער'ן גאַס, מיר אַנקעגען גייט אַ בעקאַנטער; דערזעהענדיג איהם, גיט זיך מיין האַנט, גלייך אַ כאַפּ און נעמט אַראָפּ מיין הוט פֿון קאָפּ. דאָס אַלץ געדויערט אַפּילו איין רגע; אָבער אין דיזע רגע אוספּייע איך אויפֿצוטאָן עטליכע פֿערשיעדענע זאַכען. לאָמיר דאָס בעטראַכטען. איך גיי אין גאַס און קלעהר וועגען קיין בעוועגונג ניט, — געוויס ניט וועגען בעוועגען מיין האַנט. פּלוצלונג, פֿון העלער הויט, מאַכט מיין האַנט אַ בעוועגונג, זי גיט זיך אַ ריהר צו מיין קאָפּ צו. דיזע בעוועגונג קומט, נאַטירליך, אַרויס פֿון דעם, וואָס דער מוסקול פֿון האַנט האָט זיך צונויפֿגעקאָרצעט, ווי מיר האָבען דאָס פֿריהער ערקלערט. פֿאַר וואָס־זשע אָבער האָט דיזער מוסקול זיך דאָ צוזאַמענגעקאָרצעט? עס האָט זיך בעוויזען מיין בעקאַנטער. גוט, אָבער וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט די צונויפֿקאָרצונג פֿון

דעם מוסקול, — מיין מוסקול קען דאָך ניט זעהן, אַז מיינער אַ בעקאַנטער גייט דאָ. איך זעה דאָך איהם גאָר מיט מיינע אויגען. וואָס־זשע האָט מיין אויג צו טאָן מיט דעם מוסקול, מיט די פלייש פון מיין האַנט? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס איינס צו דאָס אַנ-דערע? אָט וועלען מיר זעהן. ווען דער בעקאַנטער קומט צו נאָהענט גענוג צו מיין אויג, שפּיגעלט ער זיך אין איהר אָפּ. דיזע אָפּשפּיג-לונג, דיזער פּאָרטרעט, דיזער איינדרוק אויף'ן אויג, ווערט מיטגע-טיילט איבער'ן אויג־נערוו צום מאַרך (מוח, געהירן). אין מאַרך געפינט זיך אַ מאַססע עראינערונגס־בילדער, צווישען זיי געפינט זיך דער מיטגעטיילטער פּאָרטרעט פון מיין בעקאַנטען, אַ פּאָרטרעט, וואָס איז פּונקט עהנליך צו איהם, און וואָס שטאַמט פון דעם, וואָס דער געשטאַלט פון דעם זעלבען מענשען האָט זיך שוין פריהער אָבגעשפּיגעלט אין מיין אויג, און וואָס דיזער געשטאַלט איז דאַן איבערגעגעבען געוואָרען צו מיין מאַרך. דער מאַרך קומט אויף דיזען אָרט צום בעשלוס אַז דעם מענשען, וואָס קומט מיר דאָ אַנ-קעגען, האָב איך שוין פריהער געזעהן, — אַז איך בין מיט איהם בעקאַנט. נאָך דעם בעגריף נאָך וועגען אנשטענדיגקייט, וועל-כער ווערט אין מאַרך איינגעפלאַנצט דורך מיין ערציהונג, בעשליסט דיזער מאַרך מיינער, אַז מען דאַרף דעם בעקאַנטען אָבגעבען עהרע, און ער גיט דאַן דעם מוסקול פון האַנט אַ בעפעהל זיך צוזאַמענ-צוקאָרצען, כדי מיין האַנט זאָל זיך צו־בייגען צו מיין הוט. דיזער בעפעהל, ווידער, ווערט איבערגעגעבען איבער די נערוען, וועלכע ציהען זיך פון מאַרך איבערן גאַנצען קערפּער. דורך די מוסקולען און וועלכע זיינען אַזוי ווי טעלעגראַף דראָטען, איבער וועלכע דער מאַרך שיקט צו דיזע מוסקולען זיינע דעפּעשען.

מיר זעהען אַלזאָ, ערשטענס אַז די מוסקולען קאָרצען זיך צו-נויף, צוליעב די ווירקונג פון די נערוען, און אַז די נערוען גיבען דאָ בלויז איבער די בעפעהלען פון מאַרך, און צווייטענס — אַז דער מאַרך איז אימשטאַנד מקבל צו זיין, צו בענעהמען די איינ-

דריקע, וואָס ער בעקומט פֿון דרויסען דורך געוויסע זיינעם אָרגאַנען, כלי החושים, (אויגען, אוירען, נאָז, צונג, א.ז.וו.) און דורך די ברעגעם פֿון געוויסע נערוועז (אין אונזער ביישפּיעל האָט דער מאַרך בעגומען דעם איינדרוק, וואָס ער האָט בעקומען, דורך די אויג און דורך דעם ברעג פֿון דעם נערוו, וואָס ציהט זיך פֿון אויג צו איהם, צום מאַרך). מיר זעהן אַלזאָ, אַז אונזער נערוועז סיסטעמע האָט אַ צענטער, אַ מיטעלפּונקט, דאָס הייסט דעם מאַרך און צוויי סאָרטען נערוועז: אַזעלכע, וואָס גייען פֿון די מוסקולען צו דעם צענטער, און אַנדערע, וואָס גייען פֿון דעם צענטער צו די מוסקולען. די ערשטע ווערען אָנגערופֿען ס ע נ ס י ב ל ע (פֿיהלענדיגע) ; די אַנדערע — מ אָ ט אָ ר י ש ע (בעוועגענדע). דער אויג-נערוו, צום ביישפּיעל, איז אַ סענסיבלער, ווייל זיין ראָלע איז צו מאַכען אונז פֿיהלען וואָס עס שפּיגעלט אָפּ אין אויג. די נערוועז, וועלכע ווירקען אויף די מוסקולען פֿון האַנט און מאַכען זיי זאָלען זיך צוזאַמענקאָרצען, זיינען מ אָ ט אָ ר י ש ע (בעוועגענדע). לאָמיר־זשע בעקאַנט ווערען מיט דעם צענטר פֿון אונזער נערוועז סיסטעמע — מיט אונזער מאַרך (געהירן).

אונזער מאַרך בעשטייט פֿון אַזאַ ווייכע, סאַלע זאַך, און האָט די פֿאָרמע פֿון צוויי האַלבע קוגלען, אָדער האַלבע עפּיל. פֿון אויבען, איז ער געדעקט מיט ברעגעלעך און מיט גראַבענדלאַך, וועלכע ציהען זיך איבער איהם אין די פֿערשיעדענסטע זייטען. דער גאַנצער מאַרך בעשטייט פֿון פֿיער טייל: [זעה צייכנונג נומער 1], 1) פֿון דעם גרויסען מאַרך (די גאַנצע אויבערשטע צוקאָרצעטע העלפֿט אויף דער צייכנונג), 2] פֿון דעם קליינעם מאַרך [אויף דער צייכנונג איז זי אָנגעדייטעט מיט דעם בוכשטאַב [a], 3] פֿון דעם מאַרךקנויט [f] און 4] פֿון דעם פֿאַרלייגערטען מאַרך [e]. פֿון דעם פֿערלייגערטען מאַרך ציהט זיך ווייטער אַרונטער־צו דער רוקען־מאַרך, [וועלכער קען אויף צייכנונג נומער 1 ניט זיין]. דער גרויסער מאַרך, דער קליינערמאַרך, דער מאַרך־קנויט און דער פֿערלייגערטער

מאַרך ליגען אין דעם שאַרבען פֿון קאָפּ; און דער רוקען-מאַרך, וועלכער איז אַ פֿאָרטזעצונג פֿון דעם פֿערלייִנגערטען מאַרך, און וועלכער קומט אַרויס פֿון די לאָך אין די אונטערשטע טייל פֿון שאַרבען, פֿאַרנעמט דעם קאַנאַל, אָדער רורקע, וואָס ציהט זיך דורך די רוקען ביינדלאַך. יעדע פֿון דיזע ביינדלאַך ווייזט אויס ווי אַ בייגעל מיט דריי שפּיצען, זאָ דאָס ליגענדיג אַלע צוזאַמען, איינער אויף דעם אַנדערען, בילדען זיי אַ רורע, אָדער קאַנאַל. (אַזוי ווי מען זאָל אָנלייגען עטליכע בייגעל איינע אויף די אַנדערע און דורך די רורקע, וואָס פֿון די צוזאַמענקומענדע לעכער ווערט ווערען, זאָל מען דורכנעמען אַ שטריקעל. די בייגעל — דאָס זיינען די רוקען-ביינדלעך; די שטריקער, — דאָס איז דער רוקען-מאַרך). דיזע רוקען-ביינדלאַך הייסען ווירבעלען און אַלע צוזאַמען — ווירבעל-זייל. דורך די ווענטעל פֿון דעם ווירבעל-זייל גייען פֿוןביידע זייטען רורקע-לעך אין דער צווערך, נעמליך, צווישען יעדע צוויי ביינדעלעך ציהט זיך פֿון קאַנאַל אַ רורקעלע אין דער ברייט. דורך דיזע קליינע צווערכיגע רורקעלעך ציהען זיך פֿון דעם רוקען-מאַרך פֿון ביידע זייטען אַרויס נערוועז-פֿעדים (אין אַלעמען 31 פּאָר) און דיזע צווייגען זיך און פֿערברייטען זיך איבער'ן גאַנצען קערפּער, און איבער די הענט און איבער די פֿיס.

No. 1

דיזע פֿיגור שטעלט פֿאָר דעם מענשליכען מאַרך (מוח) ווי ער קומט אויס. ווען מען זאָל די אויבערשטע טייל פֿון קאָפּ אָבזעגען ביז דעם אונטען פֿון דעם שטערען און דאָס האַלטען מיט די אָבגעזעגטע זייט (וואו דער מאַרך איז) אַרויף.

וואָס מיר האבען דאָ געזאָגט קען דער לעזער זעהען אויף דער צייכנונג נומער 2. דער שאַרבען איז אין די פֿיגורע אומישטנע

אָבגעשניטען אום עס זאָל זיך זעהען דער גרויסער מאַרך (פֿון אוי-
בען) און דער קליינער מאַרך (פֿון אונטען.) דער מאַרך־קנויט און
דער פֿערלענגערטער מאַרך קען זיך דאָ ניט זעהען. דער ווייסער
פּאַס, וואָס ציהט זיך פֿון האַלז אַרונטער צו, איז דער רוקען מאַרך,
וואָס ליעגט אין דעם קאַנאַל
פֿון די רוקען־ביינדלאַך, פֿון
ווירבעלזייל. פֿון ביידע זייטען
זעהען זיך פֿון דיעזען רוקען־
מאַרך ווייסענקע שטריכעלעך—
דאָס זיינען די נערוועון פֿעדים,
וועלכע, ווי דער לעזער זעהט
אויף דער צייכנונג, צו־צווייגען
זיך, און פֿאַרשפּרייטען זיך אי־
בער דעם גאַנצען קערפּער, און
איבער די הענט און די פֿיס.



No. 2

אין דעם שאַרבען ליגען די
פֿיער טהיילען פֿון מאַרך אויף
דעם פֿאָלגענדען אַרט: (זעה
צייכנונג 3) אין די פֿאָרדערסטע
און אויבערסטע טהייל ליגען
קוגלען פֿון דעם גרויסען מאַרך
(a און b) און די הינטערסטע טייל
—דער קליינער מאַרך (d) צווישן
דיעזע צוויי בעהעפֿטענדיג זיי,
ליעגט דער מאַרך־קנויט [דאָס
קען מען אויף דער צייכנונג
ניט זעהען, ווייל עס קומט אוים
אינעווייניג,] און פֿון איהם ציהט
זיך דער פֿערלענגערטער מאַרך.

דער מאַרך האָט אויף זיך אַ ניט־דיקען פֿאַך אָדער קאָרע פֿון אַזאַ גרויע זאַך וואָס הייסט הירן־גרוי אָדער הירן־מאַנטעל. דאָס איז דער וויכטיגסטער טהייל פֿון דעם מאַרך און אויך דער וויכטיגסטער טהייל פֿון דעם גאַנצען מענשליכען אָרגאַניזם. אָט אין דעם, אין דיזען מאַרך־מאַנטעל, ליעגט אַלעס, וואָס מען רופֿט נשמה: דאָס איז דער צענטער, די רעגיערונג פֿון אונזער גאַנצען קערפּערליכען און גייסטיגען לעבען.




די מענשליכע נשמה. ווי פֿיעל פּלאָנטערען, ווי פֿיעל דומהייטען זיינען דאָס וועגען דעם דאָ אין די געדאַנקען פֿון פֿאָלק! דעם מענשען'ס געדאַנקען האָבען פֿיינט אונבעשטימטקייט, ער קען ניט פֿערטראָגען, ווען ער קען זיך אַ זאַך ניט פֿאָרשטעלין אויף קלאָר. און ווען ער קען ניט אזוי גיך דערגעהן אויף ריכטיג וואָס די זאַך איז, וואַרפֿט ער דאָס אַרויף אויף אַ העכערען, אויף אַ געטליכען וועזען, אויף אַ געטליכען וועזען, און רעדט זיך איין, אַז גאָט האָט דאָס בעשאַפֿען. מיט דעם איז דער אונענטוויקעלטער מענש יוצא: גאָט האָט דאָס בעשאַפֿען, און אַלץ איז שוין רעכט. ווען די מענשהייט איז נאָך געווען אין איהרע קינדערשע יאָהרען, ווען דאָס רוב פֿון די נאַטור־ערשיינונגען האָט זי נאָך ניט געקענט פֿערשטיין, האָט זי זיך אין געדאַנקען בעשאַפֿען אַ גאַנצע מענגע געטער, וועלכע האָבען, נאָך איהר מיינונג נאָך, געהערשט איבער די פֿערשיעדענע ערשיינונגען, וואָס זי האָט ניט געקענט פֿערשטיין. די פֿאַרצייטיגע אונענטוויקעלטע מענשען פֿאַרשטייען ניט

וואָס אַ ווינט איז למשל, פֿון וואַנען ער נעמט זיך, זיי קענען ניט מיט אַ שכל דאָס ערקלערען, נו, זאָגען זיי, אויב אַזוי מוז עס זיין אַ בעזונדער גאָט, אַ גאָט פֿון ווינטען, — מיט דעם זיינען זיי פטור פֿון קלערען, און אַלץ איז שוין רעכט. זיי קענען זיך ניט ענטפֿערען אויף די פֿראַגע, וואָס איז אַ דונער? — שטעלען זיי זיך פֿאָר, אַז עס איז דאָ אַזאַ גאָט, וואָס ער מאַכט עס אַלע דונערען, און אַ סוף, — און אַלץ איז שוין גלאַט, — און אַזוי ווייטער. דיזע געטער האָט דער מענש בעשאַפֿען בצלמו, נאָך זיין אייגענעם געשטאַלט נאָך, און זיי האָבען ביי איהם געליעבט, געהאַסט, ראַכע גענומען און זיך געש־לאָגען צווישען זיך — פּונקט ווי די מענשען פֿון דער ערד. און צו דיזע געטער האָבען זיי געבראַכט קרבנות, אום זיי איבערצובעטען, אָדער נושא חן צו זיין ביי זיי, ווען זיי האָבען בעדאַרפֿט זייער לאַס-קע — פּונקט ווי ביי דעם מענשען. ווען עס איז ניטאָ קיין רעגען, ברייננט מען דעם רעגען גאָט, אלס כּאַבאַר, אַ קרבן, — ער זאָל ווערען לאַסקאַווע און געבען רעגען.

אויף דעם זעלבען אַרט האָט דער מענש געטאָן וועגען דער פֿראַגע: וואָס איז דער מענשליכער לעבען? פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס זיין ווילען, זיינע געפֿיהלען, זיין שכל? ניט זייענדיג אים שטאַנד אויף דעם צו אַנטוואָרטען, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט אַזאַ הויכע בעשעפֿענים, אַ גאַנץ בעזונדערע בעשעפֿענים, וואָס איז ניט פֿערבונדען מיט דעם מענשליכען אָרגאַניזם, און וואָס קלייבט זיך אַריין אין'ם מענשליכען קערפּער בלויז אויף אַ געוויסע צייט איבער איהם צו קאָמאַנדעווען, און קלייבט זיך דערנאָך פֿון איהם צוריק אַרויס. און דיזע בעשעפֿענים האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען נ ש מ ה. ווען דיזע בעשעפֿענים איז אין קערפּער, האָבען די אונענטוויקעלטע געזאָגט, לעבט דיזער קערפּער, ווען זי קלייבט זיך אַרויס פֿון איהם, שטאַרבט ער. זי, אָבער, די נשמה, שטאַרבט ניט, זאָנדערען זי גייט דאַן אַרויף אויפֿ'ן הימעל און שוועבט דאָרטען אַרום. דער שלאָף אָדער היהנער-פּלעט, אָדער אונמאַכט, האָט מען געמיינט, בעשטייט

אין דעם, וואָס די נשמה גייט אויף עטליכע מינוט אָדער אויף עט־ליכע שעה אַרויס פֿון קערפּער — עפּעס אַזוי ווי צו מאַכען אַ קורצען וויזיט אויפֿ'ן הימעל. ניט אומזיסט האַלטען די אונענטוויי־קעלטע מענשען אַזוי פֿיעל פֿון חלומות, וואָרים דער חלום ווערט ביי זיי בעטראַכטעט אַלס דאָס לעבען פֿון דער נשמה אויסער דעם קערפּער. די אונענטוויקעלטע זאָרגען זיך דעריבער אויך וועגען די נשמה נאָך דעם, ווי זי איז שוין אַרויס פֿון גוף. ביי אידען, צום ביישפּיעל, גלויבט מען, אַז דער נשמה איז „אויף יענער וועלט" בעסער, ווען מען זאָגט קדיש נאָך דעם טויטען. ווען עס שטאַרבט אַ'ן עלסטער ביי מאַנכע ווילדע פֿעלקער, קוילען זיי ניט בלויז עט־ליכע פֿון זיינע קנעכט, זאָנדערען אויך זיין פֿרוי, אום זייערע נשמות זאָלען אויף יענער וועלט דיענען זיין נשמה. דיזע ווילדע מאַכען זאָ־גאַר אין שטוב פֿון דעם געשטאָרבענעם אָדער אין זיין טרונע אַ לאָך, כדי די נשמה זאָל קענען גרינגער און גיכער אַרויספֿליהען פֿון קערפּער. אָבער וואָס דאַרפֿען מיר ריידען פֿון די ווילדע — די געבילדעטע ספּיריטואַליסטען, פֿון וועלכע עס זיינען דאָ אַזוי פֿיעל אין אַמעריקאַ און הויפּטזעכליך אין די געבילדעסטע אַמעריי־קאַנער שטאָדט, אין באָסטאָן, שטייגען זיי די ווילדע ווייט איבער אין זייער דומען אַבערגלויבען וועגען דער נשמה. דיזע ספּיריטואַ־ליסטען גלויבען זאָגאַר, אַז די נשמה פֿון דעם טויטען מענשען קען מען מיט געוויסע מיטלען רופֿען צו זיך און מיט איהר ריידען.

מיט דער צייט ווערען די דומע בעגריפֿע פֿערשוואונדען, אַזוי ווי די נאַכט אַנטלויפֿט, ווען עס בעוויזען זיך די שטראַהלען פֿון די זונן, אַזוי ווערט די נאַרישקייט פֿערטריבען פֿון די ליכט פֿון דער וויסענשאַפֿט. די וויסענשאַפֿט האָט פֿערניכטעט די צעהנדליגע גע־טער פֿון די פֿאַרצייטיגע מענשען, און זי אַליין איז געוואָרען דער איינציגער, דער אַלמעכטיגער גאָט. זי האָט ערקלערט די אמת'ע אורזאַכע פֿון די ווינטען, פֿון דעם דונער, פֿון טויזענד אַנדערע ערשיינונגען; זי האָט אויך אָנגעוויזען אויף דעם וואַהרען קוואַל פֿון דעם מענשען'ס גייסטיגען לעבען.

אויב די וויסענשאַפֿט האָט נאָך ניט אױספּייעט צו דערגיין אַלץ וועגען דיזע וויכטיגסטע פֿון אַלע פֿראַגען, האָט זי דאָך אונז שוין אַזוי פֿיעל וועגען דעם אויף קלאָר געגעבען צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס וואָס מענשען פֿלעגען פֿריהער זאָגען וועגען דער נשמה, קומט איצט אויס ווי די נאַרישע פֿלאַפּלעריי פֿון קליינע קינדער.

אונזער נשמה, ערקלעהרט אונז די וויסענשאַפֿט — דאָס איז בלויז די אַרבייט פֿון אונזער מאַרך, פּונקט ווי די שפּייז-פֿערדייאונג איז די אַרבייט פֿון אונזער מאָגען, ווי דאָס אָטהעמען איז די אַרבייט פֿון אונזערע לונגען, און זאָ ווייטער. זי איז אַלזאָ די אַרבייט, די ראָלע פֿון איינעם פֿון אונזערע אָרגאַנען און ניט קיין בעזונדערע בעשעפֿענים, ניט קיין זאַך, וועלכע מען קען זיך פֿאָרשטעלען בעזונדער, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגעס וועזען.

גוט צו דערגיין ווי אַזוי דיעזע אַרבייט פֿון מאַרך קומט פֿאָר, איז ניט אַזוי גרינג; אָבער ביסלעך וויים דערגייט מען דאָס פֿאָרט, און וואָס ווייטער און ווייטער, ווערט אַלץ מעהרערעס פֿערשטענדליך. מיר ווייסען שוין יעצט ניט בלויז, אַז דער מאַרך איז דער מיטעל-פּונקט פֿון אונזער גייסטיגע און שכל'דיגע טהעטיגקייט; מען וויים שוין געוויסערמאַסען אויך, אין וועלכע טהיילען פֿון דעם מאַרך די פֿערשיעדענע טהעטיגקייטען פֿון אונזער גייסט און שכל ווערען רעגיערט. מיר ווייסען, אַז אַלע צענטרען, אָדער מיטעל-פּונקטען פֿון אונזער גייסטיגען און שכל'דיגען לעבען, געפֿינען זיך אין דעם הירן-מאַנטעל, און אַז דיזע צענטרען זיינען איינער מיט דעם אַנדערען און מיט די נערוועז פֿערבונדען מיט באַהנען (וועגען), און אַז דער מאַרך, וועלכער איז אַרומגעדעקט מיט דעם ג־אָיען הירן-מאַנטעל, בעשטייט דאָס פֿון דיזע אונצייל־בארע מאסע באַהנען. נאָך מעהר: מיר ווייסען שוין, וואו עס געפֿינען זיך געוויסע פֿון דיזע צענטרען. די צענטרען, צום ביישפּיעל, וואָס הערשען איבער די בעוועגונג פֿון די הענט, פֿים, געזיכט און צונג, געפֿינען זיך, ווייסען מיר, אין מיטען פֿון דעם הירן-מאַנטעל, צווישען זיין

פֿאָדערסטע און הינטערסטע טהייל, און דאַבֿי האָט דער צענטער פֿון די בעוועגונג פֿון די הענט זיין אָרט, דער צענטער פֿון די בע-וועגונג פֿון די פֿיס זיין אָרט, און זאָ ווייטער. אין די הינטערסטע טהייל פֿון דעם הירן-מאַנטעל ליגט אונזער ראיה (דאָס זעהען) אָן אַ זייט — דער צענטער פֿון הערען, צו פֿאָרינט צו, געפֿינט זיך דער צענטער פֿון שפּראַך. דער צענטער, וועלכער רעגיערט איבער די העכערע געדאַנקען און געפֿיהלען, ליגט אין די טהייל פֿון דעם הירן-מאַנטעל, וואָס געפֿינט זיך הינטער'ן שטערען.

ווען אין מיין אויג שפּיגעלט זיך אָב דער פּאָרטרעט פֿון מיין בעקאַנטען, למשל, גיט דער אויג-נערוו דיזען פּאָרטרעט איבער צו דעם צענטער פֿון זעהן איבער דעם באַהן, וואָס עס געהט פֿון דעם זעהע-צענטער צו דעם צענטער פֿון געדעכנים, גיט מיין זעהע-צענ-טער דאַן אַ דעפּעשע, דער צענטער פֿון געדעכנים גיט דאַן אַ דע-פּעשע איבער דעם באַהן וואָס גייט פֿון איהם צו אַנדערע צענט-רען פֿון שכל און זאָ ווייטער, ביז עס קומט צו צום צענטער פֿון די בעוועגונג פֿון מיין האנד, און דיזער צענטער גיט דעם נערוו פֿון מיין האַנט-מוסקול אַ בעפֿעהל דיזען מוסקול צו מאַכען זיך צו-נויפֿקאָרצען, זאָ דאָס מיין האַנט זאָל זיך צובויגען צו מיין הוט. ווען מען זאָל פּאַראַליזירען (מאַכען עס זאָל אָבנעמען, פֿאַרגליווערט ווערען) דעם צענטער פֿון זעהען, וועט די אויג אויפֿהערען צו זע-הען, הגם די זאַך, וואָס שטייט פֿאַר איהר, וועט זיך אין איהר אָב-שפּיגלען ווי פֿריהער, ווען מען זאָל פּאַראַליזירען דעם צענטער וואָס רעגיערט איבער די בעוועגונג פֿון די האַנט, וועלען מיר די האַנט ניט קענען אַ ריהר טאָן.

אַן אינטערעסאַנטען ביישפּיעל אין דיזען ענין וועלען מיר זעהען וועגען אונזער שפּראַך. אום צו קענען ריידען זיינען נייטהיג דריי זאַ-כען: ערשטענס — געדאַנקען, וועלכע מיר ווילען איבערגעבען. (דע-ריבער קען קיין שפּראַך ניט עקזיסטירען ביי דעם מענשען, ווען ער דערגרייכט ניט אַ געוויסע מדרגה פֿון שכל'דיגע ענטוויקלונג. די

חיה, וועלכע האָט אַ גאַנץ נידעריגען שכל. האָט קיין שפראַך ניט, ווייל זי האָט כמעט קיינע געדאַנקען מיטצוטהיילען איהרע מיט-בע-שעפּעניסען). פון אָנהויב האָט דער מענש וואַהרשיינליך אויך נאָך קיין שפראַך ניט געהאַט. ער פלעגט זיינע געדאַנקען מסתמא אי-בערגעבען מיט געוויסע בעוועגונגען פון די הענט און די פּיס. שפּע-טער אַביסעל האָט ער גענומען דיזע געדאַנקען איבערגעגעבען מיט בעשטימטע קלאַנגען. וואָס ענטוויקעלטער דער מענש איז, אַלץ ענט-וויקעלטער זיינען די פאָרמען פון זיין שפראַך. ווען מיר זאָגען „בוים" אָדער „ערד", דינען אונז דיזע צוזאַמענגעזעצטע קלאנגען אַלס ציי-כענס וועגען די פאָרשטעלונג, וואָס געפינט זיך ביי אונז אין מוח וועגען אַ בוים אָדער וועגען די ערד, ווייל פון ערפאַהרונג זיינען דיזע זאַכען ביי אונז שוין מיט דיזע קלאַנגען, מיט דיזע קלאַנג ציי-כענס פערבונדען), צווייטענס — וואָרט געדעכעניס (דאָס הייסט מיר מוזען געדיינקען, אַז דער וואָרט „בוים" צוםביישפּיעל, איז דער צייכען פון דעם געדאַנקענס-בילד פון אַזאַ זאַך וואָס וואַקסט הויך פון דער ערד און האָט צווייגען מיט בלעטער); דריטענס, די פעהיגקייט אויצוּשפּרעכען די ווערטער. ווי וויכט דיזע אַלע דריי בע-דינגונגען און די פערבינדונג צווישען זיי זיינען נייטיג, וועלען מיר זעהן פון דעם פאָלגענדען: עס זיינען דאָ אַזעלכע קראַנקע, וואָס זייער קראַנקהייט בעשטייט אין דעם, דאָס זיי פערגעסען ווער-טער, הגם די פאָרשטעלונג, דער בילד, וועלכען זיי ווילען אויס-דריקען מיט דעם וואָרט, האָבען זיי איז געדאַנקען יאָ, ווען זיי זעהען אַ פערד, צום ביישפּיעל, ווייסען זיי וואָס דאָס איז, זאָגען אָבער „פערד" קענען זיי דערביי ניט; און ווען מען זאָגט זיי אונטער דעם וואָרט זאָגען זיי איהם גלייך איבער. מען דערציילט וועגען דעם אַ גאַנץ אינטערעסאַנטען פאַקט. אַ מאַן איז געקומען אויף פּאָסט מיט אַ רעקאָמאַנדירטען (רעדזשיסטירטען) בריעף. דער פּאָסט בעאַמטער האָט איהם געזאָגט ער זאָל אויף דעם בריעף אויפשרייבען זיין נאָ-מען און אַדרעס. דער מאַן נעמט די פּעדער אין האַנט, און וויל

טהאָן ווי מען הייסט איהם, אָבער, וועה! — ער האָט פערגעסען זיין אייגענעם נאָמען! ער האָט אָנגעהויבען צו טאַפּען אין זיינע אייגענע קעשענעס, טאָמער וועט ער דאָרטען געפינען זיינעם אַן אַדרעס; ער האָט אָבער ניט געפונען און איז געצוואונגען געוועזן צו גיין אַ היים און פרעגען ביי זיין ווייב ווי מען רופט איהם. דיזער פאַקט ווייזט אויף אַ חסרון אין דעם צענטער וואָס רעגיערט איבער די וואָרט-געדעכנים. און ווען מען זאָל דיזען צענטער פאַראַליזירען ביי אירגענד וועלכען מענשען, וועט ער פערגעסען די ווערטער, וועלכע ער האָט פריהער געקענט

עס זיינען ווידער פאַרהאַן קראַנקע, ביי וועלכע עס האָט אָבגענומען דעם צענטער, וואָס הערשט איבער די בעוועגונג פון די שפראַך-אָרגאַנען. אַזעלכע מענשען געדיינקען די ווערטער אָבער זיי קענען ניט בעוועגען די מוסקולען פון די שפראַך-אָרגאַנען (פון צונג, אָדער די ליפען צום ביישפיעל) אום זיי אויסצורייִדען, אַזעלכע קראַנקע קענען אַמאָל בעוועגען דעם צונג אויף אַלערליי אַרטען, אָבער גראָד אַזוי איהם בעוועגען אַז עס זאָל אויסגעשפּראָכען ווערען אַ „ל", צום ביישפיעל, קענען זיי ניט. אַנדערע אַזעלכע קראַנקע קענען אויסשפרעכען בלויז איינינע בוכשטאַבען, וועהרענד די איבעריגע קענען זיי ניט אַרויסברייגגען. ווידער אַנדערע שפרעכען אויס אַלע ווערטער, אָבער אַנשטאָט אַ „ג" למשל, קומט ביי זיי אויס אַ „פּ" און זיי זאָגען „געפּט" אַנשטאָט געלט. עס זיינען אויך דאָ קראַנקע, ביי וועלכע עס איז געשטערט דער פערבאַנד צווישען זייערע געדאַנקענס-בילדער און די ווערטער, וועלכע גיבען דיזע בילדער איבער אַזעלכע זאָגען איין וואָרט אַנשטאָט אַן אַנדערען. ווען אין געדאַנקען איז ביי זיי דאָ אַ בילד פון אַ טיש, למשל, זאָגען זיי גאָר „האַנט" אָדער „שלאָפען". אַזעלכע קראַנקע קענען האַלטען לאַנגע געשפרעכען אָבער וואָס זיי מיינען קען מען נאַטירליך ניט פאַרשטעהן.

דער בעשריינקטער פלאַץ ערלויבט מיר ניט מעהר וועגען דעם ענין צו ריידען; אָבער איך האָף, אַז פון דעם, וואָס איך האָב

אין דיזע קורצע בראָשורע געזאָגט, וועט דער לעזער קלאָהר זעהן: 1) אַז אונזער נשמה, איז ניט קיין בעזונדערע זעלבסטשטענדיגע בעשעפֿענים, אָהן ממשות ,וועלכע וואָהנט אין אונזער גוף בלויז אויף א געוויסע צייט, זאָנדערען אַז דאָס איז בלויז די טהעטיגקייט, די אַרבייט, די ראָלע, פֿון אונזער מאַרך. 2) אַז די פֿערשיעדענע אַרטען פֿון אונזער גייסטיגען און שכל׳דיגען לעבען שטאַמען פֿון פֿערשידענע מאַרך־צענטרען, וועלכע זיינען פֿערבונדען איינער מיט דעם אַנדערען, ווי אויך מיט די נערוועז, דורך באַהנען. 3) אַז דורך דיזע צענטרען און דורך די נערוועז, וואָס זיינען מיט זיי פֿערבונ־דען, הערשט און רעגיערט דער מאַרך איבער אונזער גאַנצער אָר־גאַניזם.